# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת תולדות תשפ"ד שנה י | גליון מס' 508

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com

## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### דער טעם פון דאווענען אין צוויי ווינקלען

**"וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה' לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ כִּי עֲקָרָה הִוא וַיֵּעָתֶר לוֹ ה' וַתַּהַר רִבְקָה אִשְׁתּוֹ" (כה כא)**

די ווערטער "לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ" טייטש רש"י (ע"פ ב"ר סג ה): "זה עומד בזוית זו ומתפלל, וזו עומדת בזוית זו ומתפללת". עטליכע ערקלערונגען זענען געזאגט געווארן פארוואס זיי האבן געדאווענט אויף אזא אופן:

דער ט"ז ערקלערט, וויבאלד עבודת התפילה איז פונקט ווי די קרבנות (ברכות כו ב), איז דער צימער וואו יצחק און רבקה האבן געדאווענט אזוי ווי דער מזבח. דערפאר, אזוי ווי די בלוט פון די קרבנות, האט מען געגעבן אויף די צוויי ווינקלען פון מזבח וואס זענען געווען איינע שיף אקעגן די צווייטע, און אזוי האט זיך עס צושפרייט אויף אלע פיר זייטן פון מזבח [ד.מ. "שתים שהן ארבע"], אזוי אויך האבן יצחק און רבקה געדאווענט אין די צוויי ווינקלעך פון דער צימער, ער שיף אקעגן איר, כדי זייער תפילה זאל זיין אקעגן אלע פיר זייטן.

רבי חיים הלוי הורוויץ ערקלערט אין נאמען פון זיין זיידע רבי פנחס: אין מסכת בבא בתרא (כה א) זאגן די חכמים מיר דארפן מחזיק טובה זיין פאר די אנשי כנסת הגדולה וואס האבן געזאגט אז מיר דארפן זיין אויסגעדרייט צו די מזרח זייט בשעת'ן דאווענען. לויט דעם קען מען זאגן, אז יצחק און רבקה וואס אין זייער צייט האט מען נאכנישט געוואוסט צי וועלכע זייט מען דארף שטיין ביים דאווענען, האבן באשלאסן צו שטיין אין די צוויי ווינקלען פון די צימער - ער ביי די ווינקל מזרחית דרומית, און זי ביי מערבית צפונית. אזוי זענען זיי געווען פארזיכערט אז יעדנפאלס וועט זייער תפילה זיין געווענדן צו די ריכטונג וואו מען דארף דאווענען.

נאך א הסבר האט געזאגט רבי דוד טעביל רב אין ליסא: אין מסכת בבא בתרא זאגן חכמים (כה ב) דער וואס וויל זוכה זיין צו חכמה זאל דאווענען צו דרום זייט, און דער וואס וויל רייכטום זאל דאווענען צו צפון זייט. דערפאר האבן יצחק און רבקה געדאווענט אין צוויי פארשידענע ווינקלען; יצחק וואס איז געווען אין א בחי' פון א עולה תמימה, האט אינגאנצן נישט געטראכט צו דאווענען אויף עולם הזה'דיגע זאכן, ער האט נאר געוואלט זוכה זיין צו א זון וואס וועט אויסוואקסן א עובד ה', דערפאר האט ער געדאווענט צו די דרום זייט - די זייט פון חכמה. אבער רבקה וואס האט זיך געזארגט אז אין צוגאב צו דעם זאל איר זון האט זוכה זיין אין ברכת עולם הזה, האט זי זיך געשטעלט דאווענען אויסגעדרייט צו צפון זייט - די זייט פון עשירות.

'דברי דוד'; 'מים חיים' [דיהרנפורט ת"נ]; 'נפש דוד'

### יעקב קען נישט דערמאנען שם שמים

**"וַיֹּאמֶר יִצְחָק אֶל בְּנוֹ מַה זֶּה מִהַרְתָּ לִמְצֹא בְּנִי וַיֹּאמֶר כִּי הִקְרָה ה' אֱלֹקֶיךָ לְפָנָי (כז כ)**

רש"י ערקלערט (ע"פ ב"ר סה יט) אז צוליב דעם וואס יעקב האט דערמאנט דעם אויבערשטנ'ס נאמען, האט זיין פאטער אים חושד געווען אפשר איז ער נישט עשו, און אזוי האט ער געזאגט: "אין דרך עשו להיות שם שמים שגור בפיו, וזה אמר: 'כִּי הִקְרָה ה' אֱלֹקֶיךָ לְפָנָי'".

זאגט דער 'אמרי אמת': טראץ וואס יעקב אבינו האט געוואוסט אז ער שטעלט זיך איין צוליב זיין רעדן, פון דעסטוועגן האט ער נישט גערעדט אזוי ווי עשו, ווייל ער איז נישט מסוגל געווען זיך פארמיידן פון דערמאנען די שם שמים, אפילו אויף איין סקונדע.

'אמרי אמת' תרע"ב

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### די באדייט פון אנכאפן די 'עקב'

אין אונזער פרשה ווערט געשילדערט די געבורט פון יעקב אבינו (בראשית כה כו): "ואחרי כן יצא אחיו וידו אוחזת בעקב עשו ויקרא שמו יעקב". דער וואס ליינט דער פסוק וואונדערט זיך: וואס איז אזוי וויכטיג און חשוב דאס וואס יעקב האט אנגעכאפט די עקב פון עשו, אז מען האט אים א נאמען געגעבן אויף די געשעהעניש? און אויך נאכן פארשטיין די סיבה פון דעם, קען מען ווייטער פרעגן, פארוואס רופט מען 'יעקב' על שם די עקב וואס ער האט אנגעכאפט, און נישט די עצם אנכאפן?

דער 'כלי יקר' ערקלערט אז אנכאפן די עקב פון עשו האט אין זיך א טיפע באדייט, און דאס זענען זיינע רייד: "דאס איז געווען א סימן, אז אין צוקונפט וועט עשו פארשעמען די בכורה אזוי ווי א זאך וואס א מענטש צוטרעט מיט די פיס און פארשעמט עס, און יעקב וועט דאס אנהאלטן. דאס מיינט צו זאגן: דאס וואס עשו האט געטרויטן מיט זיינע פיס - וועט יעקב אנהאלטן". שרייבט ווייטער דער 'כלי יקר': "און אזוי אויך אלע מצוות וואס מענטשן טרעטן און דער שטן איז מקטרג צוליב דעם, וועט יעקב אנהאלטן און מקיים זיין".

לויט דעם פארשטייט מען אלעס אויף א וואונדערבארן אופן: די תורה האט נישט געוואלט אנווייזן דאס עצם אנכאפן פון יעקב אין עשו, נאר דאס אנכאפן די 'עקב' - וואס איז א סימן אז יעקב וועט באזונדער אכטונג געבן אויף די מצוות שאדם דש בעקביו, און דערפאר האט מען אים געגעבן דוקא דער נאמען.

מען קען צולייגן וואס הרמ"ע מפאנו שרייבט ('עשרה מאמרות' חקור דין ב טו) אין דער סוד פון די נאמען 'יעקב', אז 'יעקוב' - ווען עס שטייט מלא איז עס גימטריה 'אמן ואמן' [אזוי ווי עס ווערט דערמאנט עטליכע מאל אין תהילים], און ווען 'יעקב' - איז געשריבן חסר איז עס גימטריה צוויי מאל 'אמן'.

דער נאמען יעקב, אין יעדע צורה וואס עס ווערט געשריבן, מלא אדער חסר, האט אין זיך צוויי מאל די ווארט אמן, און דאס איז א באוויז אז דער נאמען האט מען אים געגעבן צוליב זיין ברען און זיין אנהאלטן די מצוות וואס געווענליך אדם דש בעקביו, וואס אויך די מצוה פון ענטפערן אמן רעכנט זיך צווישן זיי.

אויף אונז, די קינדער פון יעקב, וואס האבן זוכה געווען צו "קול יעקב", ליגט אויף אונז צו גיין אין זיינע וועגן און מקפיד זיין אויף די מצוה פון ענטפערן אמן. און אויב מיר וועלן אנכאפן די 'עקב' אן נאכלאזן, וועלן מיר זוכה זיין בקרוב עס זאל מקויים ווערן דער פסוק (עובדיה א כא): "ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו והיתה לה' המלוכה".

**מיט א רוף "וידו אוחזת בעקב"**
**א גוט שבת**

יעקב דוב מארמארשטיין

# — די ברכה 'הגפן' וואס האט געברענגט די ישועה —

דאס איז געווען אין א ערב שבת, אין איינע פון די פילע מאל וואס האדמו"ר רבי שלמה הכהן פון ראדאמסק, בעל 'תפאת שלמה', איז געקומען אויף שבת צו זיין אונטער די שאטן פון זיין רבי דער סבא קדישא פון ראדאשיץ וועלכער האט דעמאלט געדינט אלס רב אין פשעדבארז.

דאס מאל האט דער סבא קדישא ארויסגעוויזן א באזונדערע שמחה ווען זיין גרויסער תלמיד איז געקומען, ער האט אים באגריסט מיט א זעלטענע ליבשאפט און געזאגט: איך בין זייער פרייליך אז דו ביסט געקומען אהער אויף שבת, איך דארף אז דו זאלסט מיך צוהעלפן, אלס א כהן און א צדיק. כדי צו קענען אויספויעלן א ישועה פאר איינעם וואס נויטיגט זיך אין דעם".

אין דער זעלבער צייט האט דער סבא קדישא געשושקעט אפאר ווערטער אין די אויערן פון זיין משמש, און יענער איז שנעל ארויס און נאך עטליכע מינוט איז ער צוריקגעקומען באגלייט מיט א גאסט וועמענ'ס אויסזעהן איז געווען אינגאנצן אנדערש פון די אויסזעהן פון די אנדערע חסידישע-פוילישע אידן פון יענע געגנט. דער מענטש האט געהאט א אידיש-דייטשישן אויסזען, אן א בארד און פיאות, נאר אויגן וואס האבן געצייגט אויף ריינקייט און תמימות.

דער סבא קדישא האט אוועקגעזעצט דער איד, און האט אנגעהויבן זיך אינטערעסירן פון וואו ער קומט און וואס ער טוט פאר פרנסה. דער מענטש האט געענטפערט אויף אידיש געמישט מיט א אויסגעשפראכענע דייטשע דיאלעקט, אז ער איז א מיטגליד אין איינע פון די עלטסטע הייליגע אידישע קהילות אין דייטשלאנד. שפעטער האט ער פארברייטערט צו שילדערן די גרויסע און פארצווייגטע געשעפטן וואס ער פירט אן, און האט באטאנט אז ער איז זיך משתדל צו האנדלען גראד און ערליך, און מיטן אויבערשטנ'ס הילף איז ער אויך זוכה צו א גרויסע ברכה אין זיינע געשעפטן.

"און וואס האט דיך אהער געברענגט?" האט געפרעגט דער סבא קדישא פאטערליך, און די ענטפער פון דעם איד איז געזאגט געווארן מיט א ביטערקייט: "איך בין געקומען אהער צוליב מיין איינציגסטער זון, וואס איז געבוירן געווארן ווען ער איז טויב און שטום. פון דער טאג פון זיין געבורט ביז יעצט האב איך באזוכט אין די צימערן פון די גרעסערע דאקטוירים, אבער אלע זענען מיד געווארן פון צו געפינען א רפואה פאר אים, איך בין געקומען אהער אלץ די לעצטע האפענונג, ווייל איך האב געהערט אז דעם ראבינער'ס כח איז גרויס צו קענען אויספויעלן ישועות".

"זאל דער ראבינער מיך באפעלן געבן וועלכע סומע ער וויל", האט דער מענטש אויסגעפירט, "איך בין גרייט אוועקצוגעבן דאס מערסטע פון מיין געלט, בתנאי אז ער ברענגען א ישועה פאר די ליידנדע קינד".

דער סבא קדישא האט געקוקט אויף זיין גאסט מיט א רחמנות'דיגן בליק און אים געזאגט: "מיין טייערער פריינד, פון דיר וועל איך נישט נעמען אפילו איין פרוטה, דו האסט שוין גענוג אויסגעגעבן פאר דיין זון'ס רפואה, און עס איז א שאד... זיין רפואה איז אנגעהאנגען נאר אין א 'חוט השערה'...".

"וואס א חוט השערה?" האט ער זיך געוואונדערט, און דער רבי האט מסביר געווען: "כדי דיין זון זאל געזונט ווערן ווי א געווענליכער מענטש, דארפסטו זיך נאר אונטערנעמען צו לאזן וואקסן א בארד און פיאות!"

"וואס, וואקסן א בארד און פיאות?!", דער מענטש איז כמעט צוזאמגעפאלן אונטער זיך, "איך קען נישט! אויב איך וועל זיך אזוי ארומדרייען אין די געגנט פון מיין וואוינארט וועלן זיי זאגן אז איך בין משוגע געווארן... קיינער וועט נישט וועלן מער טון געשעפטן מיט מיר...".



די ארייגאנג צו די שטעטל ראדאשיץ אין פולין

דער מענטש האט זיך געבעטן מ'זאל פארגרינגערן דעם אורטייל... אבער דער רבי האט נישט אויפגעגעבן.

"לכל הפחות, זאל דער רביווארטן צוויי וואכן ביז איך וועל אנהייבן לאזן וואקסן מיין בארד און פאות", האט דער מענטש געבעהטן נאכדעם וואס ער האט זיך שוין אונטערגעגבן, און האט ערקלערט: "נאך געציילטע טעג מאכט מיין שוועסטער חתונה איר טאכטער, די גאנצע פאמיליע קומט צו די חתונה, וויאזוי קען איך זיך דרייען צווישן זיי מיט לאנגע האר... איך זאג צו, נאך בערך צוויי וואכן, נאך די חתונה, וועל איך זיך אומקערן אהער און טון וואס דער רבי וועט הייסן".

"ניין און נאכאמאל ניין!" - האט דער רבי געזאגט מיט א שטארקייט. "כדי דיין זון זאל געהאלפן ווערן אקעגן די טבע, מוזסטו מאכן אן אקט פון מסירת נפש שלא כדרך הטבע. דו מוזט שוין יעצט אנהייבן, האסט נישט קיין אנדערע ברירה!".

ער האט צוגעזאגט: "פון היינט און ווייטער נעמט איך זיך אונטער צו טראגן א בארד און פיאות, בתנאי אז מיין טייער זון זאל געזונט ווערן". דאן האט זיך פארשפרייט א שמייכל אויפן רבי'ס פנים און ער האט אים געזאגט: "קער זיך צוריק צו דיין אכסניא, און היינט ביינאכט קום צוזאמען מיט דיין זון צום 'טיש', און מיטן אויבערשטנ'ס הילף וועלן מיר זוכה זיין צו זען צוזאמען נסים ונפלאות".

זייער שנעל האט זיך פארשפרייט די קלאנג צווישן די חסידים, אז היינט נאכט גייט דער רבי מאכן אותות ומפותים, רעדנדיג מאכן א שטימער און הערנדיג מאכן א טויבער... און שבת ביינאכט איז די שוהל פון דער סבא קדישא פול געווען פון איין עק ביז צום צווייטן.

א שטילקייט האט געהערשט ווען דער רבי האט זיך אוועקגעזעצט פירן דעם שולחן הטהור, ווען נעבן אים איז זיין געטרייער תלמיד, דער תפארת שלמה פון ראדאמסק. ביים עק טיש איז געזיצן אונזער באקאנטער, דער גאסט פון דייטשלאנד, ווען זיין טויבער-שטומער זון שטייט נעבן אים.

דער רבי האט אנגעהויבן זאגן 'שלום עליכם' מיט א הארציגע ניגון, און נאכן זינגן די אנדערע זמירות און תפילות וואס מען זאגט פאר קידוש, האט ער זיך געוואנדן מיט א ערנסקייט מאכן קידוש אויפן כוס.

נאכדעם וואס ער האט געטרונקען רוב כוס, האט דער סבא קדישא זיך געוואנדן צום תפארת שלמה וואס איז געזיצן נעבן אים, און געבעטן ער זאל אונטערלייגן זיין האנט אונטער זיין האנט וואס האלט אן דאס גלאז. נאכדעם האט דער רבי זיך אויסגעדרייט צום בחור'ל און אים באפוילן ער זאל נאכזאגן די ברכה, ווארט ביי ווארט, ער זאל קענען טרונקן פון די כוס של ברכה. צו אלעמענ'ס פארוואונדערונג האט דער בחור געהערט די געבעהט, און תיכף געענטפערט.

יעצט האבן אלע געווארט צו זען די אנדערע העלפט פון דעם נס, וואס האט אויך נישט פארשפטיגט צו קומען; דער רבי האט אנגעהויבן זאגן די ברכה, און די ארומיגע זענען איבערראשט געווארן צו זען ווי דער בחור זאגט נאך. דער רבי זאגט 'ברוך', און דער בחור זאגט 'ברוך'; 'אתה', און דער בחור זאגט 'אתה'... אזוי ווארט ביי ווארט ביז ער האט זיך אויסגעלערנט זאגן די גאנצע ברכה.

ווען דאס קינד האט פארענדיגט די ברכה, האט דער רבי אים דערלאנגט די גלאז און האט געטרונקען די שיריים אקעגן זיין טאטן וועלכער האט געוויינט מיט טרערן פון גליק און פרייד.

נאך שבת איז דער איד צוריק צו זיין הויז, ווען זיין זון דער בעל-הנס גייט אים נאך, ווען זיין מויל רעדט אן א אויפהער... עס איז נישט קיין חידוש איז נאך א קורצע צייט האט ער זיך ווידער באוויזן אין דעם רבינ'ס הויף, ווען זיין אויסזען איז גאר אנדערש; ער איז צוריקגעקומען מיט א בארד.

ער האט באשלאסן צו פארשפארן זיינע געשעפטן אין דייטשלאנד און אריבערגיין מיט זיין משפחה זיצן אונטער די שאטן פון די סבא קדישא, דער פועל ישועות פון ראדאשיץ, און איז געווארן אן אמת'ער חסיד מיט זיין גאנצע הארץ און נשמה.

'נפלאות התפארת שלמה' אות פח

# אמן איז א טייל פון די ברכה

## דער בוצע דארף ווארטן ביז נאכן ענטפערן אמן

**ענטפערן אמן נאך די ברכה, ווערט פאררעכנט ווי א חלק פון די ברכה, און די ברכה ענדיגט זיך און ווערט נשלם נאר ביי די סיום פון די אמן וואס ווערט געענטפערט נאכן זאגן די ברכה. דערפאר דער וואס זאגט די ברכה אויף די ברויט און איז מוציא מיט די ברכה די באטייליגטע, זאל נישט אויפשניידן די ברויט ביז רוב פון זיי ענדיגן ענטפערן אמן. ווייל מען טאר נישט אויפשניידן פארן ענדיגן די ברכה, און ווי געזאגט, ביז רוב ציבור האט נישט געענדיגט ענטפערן אמן האט זיך נישט געענדיגט די ברכה. אבער ער דארף נישט ווארטן אויף די איינצעלנע מענטשן וואס זענען מאריך ביים ענטפערן אמן מער ווי עס פעלט אויס. עס זענען דא וואס האלטן אז אויך ווען דער בוצע איז נישט מוציא מיט די ברכה, נאר יעדער זאגט אליין די ברכה, זאל ער נישט אויפשניידן ביז רוב פון די מסובים וועלן ענדיגן זאגן די אמן.**

### מקורות וביאורים:

אין מסכת ברכות (מז א) זאגט די ברייתא אז דער וואס זאגט די ברכה אויף ברויט זאל עס נישט אויפשניידן ביז די צוהערהער וועלן ענדיגן זאגן אמן. רש"י (שם ד"ה עד) ערקלערט דער טעם: "ווייל אויך ענטפערן אמן איז א חלק פון די ברכה", און ווייל מען טאר נישט אויפשניידן פארן ענדיגן די ברכה דארף מען ווארטן ביז די צוהערהער ענדיגן ענטפערן אמן. און אזוי איז גע'פסק'נט אין 'שלחן ערוך' (קסז טז), און דער משנה ברורה (שם פה) ערקלערט: "אז ענטפערן אמן געהערט צו די ברכה". דער 'שפתי חכמים' (ברכות שם) ערקלערט אז דאס איז אויך די סיבה אז מען דארף ענטפערן אמן באלד ביים ענדיגן די ברכה (כפי שפסק הרמ"א קכד ח), ווייל דאס איז א חלק פון די ברכה (וראה עוד בשו"ע שם ב ובסי' קכד סעיף יא ובדברי הפוסקים שם). דער 'משכנות יעקב' לייגט צו אין זיין ספר 'קהלת יעקב' (ברכות שם): אז אויך פון דעם וואס די חכמים (ברכות נג ב) גלייכן צו דער וואס זאגט א ברכה צו א איינפאכער סאלדאט, און דער וואס ענטפערט אמן צו א גבור וואס באזיגט דעם פיינט, קען מען ארויסלערנען אז ענטפערן אמן איז די אויספיר און ענדע פון די ברכה.

רב חסדא ערקלערט אין די גמרא (שם) אז די כוונה פון די ברייתא איז מען זאל ווארטן נאר אויף רוב פון די וואס ענטפערן, ווייל "כל העונה אמן יותר מדאי אינו אלא טועה". און תוספות (שם ד"ה כל) איז מסביר אז דער וואס איז זייער מאריך נעמט אוועק די ריכטיגע באדייט פון די ווארט. לויט דעם איז גע'פסק'נט אין שו"ע (שם) אז מען דארף ווארטן "עד שיכלה אמן מפי רוב העונים", און דער משנ"ב (שם פה) לייגט צו: "אבל המיעוט המאריכים יותר מדאי אין צריך להמתין עליהם". הגרי"ש אלישיב ערקלערט דער טעם פארוואס די פוסקים כאפן אן דער לשון פון רוב און מיעוט, ווייל געווענליך פירט זיך דער רוב ווי עס דארף צו זיין. אבער להלכה איז עס נישט תלוי אין רוב און מיעוט, נאר אויף די וואס פירן זיך וואו עס דארף צו זיין דארף מען ווארטן אפילו אויב זיי זענען די מיעוט, און פאר די וואס פירן זיך נישט ריכטיג דארף מען נישט ווארטן אפילו זיי זענען די רוב ('הערות רבנו הגרי"ש אלישיב' ברכות שם).

אין זיין ספר 'ראש יוסף' (ברכות שם) האט דער 'פרי מגדים' א ספק צי די גמרא וואס זאגט אז אמן איז א טייל פון די ברכה איז געזאגט געווארן נאר ווען דער מברך איז מוציא די צוהערהער, אדער אויך ווען א מענטש זאגט א ברכה פאר זיך. און בלייבט אז אמן איז א טייל פון די ברכה אויך ווען א מענטש זאגט די ברכה פאר זיך, און אזוי איז גע'פסק'נט להלכה אין 'פרי מגדים' (שם א"א לו). אויך דער 'כף החיים' (שם קכ) פסק'נט אזוי. און אין ספר 'דרכי חיים' (הלכות אמן חלק ט) שטייט אז מען דארף מחמיר זיין אזוי ווי די דעה. אבער דער 'שלחן ערוך הרב' (שם ג) קריגט און האלט אז ענטפערן אמן איז א טייל פון די ברכה נאר ווען די וואס ענטפערן זענען יוצא מיט די ברכה און נישט ווען יעדער זאגט א ברכה פאר זיך. די דעה פון 'משנה ברורה' איז צריך עיון; פון איין זייט פסק'נט ער דא (ס"ק פד) ווי דער 'שלחן ערוך הרב' אז דער דין איז געזאגט געווארן נאר ווען ער זאגט די ברכה צו מוציא זיין, אבער אויבן (קכד ח) נעמט ער אן קלאר אין 'ביאור הלכה' אזוי ווי דער 'פרי מגדים' אז דער דין איז אויך געזאגט ווען ער זאגט די ברכה פאר זיך.

אין 'דברי חמודות' (ברכות פ"ז אות לח) שטייט אז די הלכה איז נוהג ביי אלע ברכות הנהנין אז דער מברך מעג נישט ענטפערן ביז עס וועט זיך ענדיגן די אמן פון רוב וואס ענטפערן, וויל דעמאלטס איז די סיום פון די ברכה, נאר אז ביי די ברכה אויף די פת דארף מען אויך ווארטן ביזן אויפשניידן, ווייל אויך דאס אויפשניידן דארף געטוהן ווערן נאר נאך די סיום פון די ברכה. און קוק נאך אין ספר 'דרכי חיים' (שם) אז ווען צוויי מענטשן זאגן צוזאמען די ברכה, און דער צווייטער האט געענדיגט תוך כדי דיבור פון ווען דער ערשטער האט געענדיגט זאגן די ברכה, דארף דער ערשטער צו ווארטן פון אנהייבן עסן ביז די וואס ענטפערן אויף די צווייטע ברכה וועלן ענדיגן ענטפערן אמן.

# אוצרות אמונים

## ענטפערן אמן מיט כוונה

### אמן מיט כוונה הייליגט דעם מענטש

דער של"ה הק' (מסכת יומא דרך חיים תוכחות מוסר אות קצח) ברענגט אין נאמען פון תלמידי האר"י אז ענטפערן אמן מיט כוונה הייליגט דעם מענטש. לויט דעם ווערט ערקלערט אין ספר 'מנחיל אמונה' (אות כד, וראה שם אות י) די סיבה פארוואס ישעיהו הנביא איז געשטראפט געווארן (ראה יבמות מט ב) אויפן זאגן (ו ה):"ובתוך עם טמא שפתיים אנכי יושב":

די חכמים דרש'ענען (אגדת בראשית פרק עט) אז ווען ישעיהו הנביא האט געזעהן אז אפילו די עמי הארצים וואס ווייסן נישט פון די מצוות, באקומען אסאך שכר ווייל זיי זענען מקפיד צו ענטפערן אמן מיט כוונה, האט ער זיך געשטעלט לויבן: "ה' אלקי אתה ארוממך אודה שמך כי עשית פלא עצות מרחוק אמונה אמן", ד.מ.; איך לויב דיר אויף דעם וואונדער וואס דו האסט געטוהן מיטן געבן א עצה אז די עמי הארצים וואס זענען ווייט פון תורה זאלן באקומען שכר, מיט דעם וואס דו האסט זיי געגעבן די מצוה פון ענטפערן אמן וואס די שכר פון דעם איז זייער גרויס. פון דער מדרש זעהט אויס אז אין דער דור פון ישעיהו האבן די אידן מקפיד געווען אויף ענטפערן אמן מיט כוונה. דערפאר איז ישעיהו געשטראפט געווארן, ווייל אויך אויב זיי האבן גערעדט מיט די מויל טמא'ענע ווערטער, דאך מעג מען זיי נישט אנרופן 'עם טמא שפתיים' אין דער צייט וואס זיי זענען מקפיד אויף ענטפערן אמן וואס ווי געזאגט איז עס מקדש דעם מענטש.

## שערי ישועה

### די סגולה פון ענטפערן אמן

## אמן ראטעוועט אין 'בית חורון'

דא איז פאר אייך א רעטענונג ערציילונג וואס איז געשיקט צו אונז פאר עטליכע יאר, דורך איינער וואס האט מיטגעהאלטן די מעשה פון דער נאנט, א איינוואוינער אין שטעטל 'בית חורון' וואס איז אין מזרח הרי בנימין, וואו דארט האט פאסירט אין יענע צייט א ברוטאלע און בלוטיגע אטאקע וואס בדרך נס האט זיך געענדיגט מיט ווייניג געשעדיגטע:

ט"ו בשבט איז אנגעקומען אין די קינדער-גארטן אין בית חורון, און די קינדער האבן זיך געפריידט. דאס יאר האט איינע פון די לערערנ'ס באשלאסן אנגרייטן א עלעגאנטע 'סעודת אמנים' פאר אלע קינדער אין קינדער-גארטן, און מיט דעם פארדינען, אויסער מקיים זיין די מנהג פון עסן פירות, אריינברענגען אין די יונגע קינדער פולע האפנ'ס אמונה, און אין דער זעלבער צייט זאמלען אסאך הונדערטער זכותים און הייליגע מלאכים וואס וועלן מליץ יושר זיין אויף די איינוואוינער פון דעם שטעטל און אויף דאס גאנצע אידישע פאלק.

אין די טעג בעפאר ט"ו בשבט האבן די לערערנ'ס ערקלערט פאר די קינדערליך די באדייט פון די מצוה פון ענטפערן אמן. זיי האבן ערקלערט פאר די קינדער מיט פשוטע ווערטער אז ענטפערן 'אמן' פאר'זיגל'ט און איז משלים די ברכה, און פון יעדע אמן ווערט באשאפן א הייליגער מלאך. זיי האבן אויך נאכגעזאגט פאר די קינדער וואס חז"ל זאגן איבער די חשיבות פון ענטפערן אמן, און דעם וואונדערליכן שכר פאר די וואס געבן אכטונג אויף דעם: "פותחין לו שערי גן עדן", און נאך.

ווען עס איז אנגעקומען דער ערווארטענעם טאג זענען שוין די קינדער גרייט געווען צו מקיים זיין די מצוה, און צו די באשטימטע צייט האבן זיך צוזאם גענומען אלע קינדער צו די 'סעודת אמנים' וואס איז געווען צוגעגרייט כיד המלך. אין לויף פון די סעודה האבן די קינדער מיט גרויס שמחה געזאגט די ברכות אויף אלע סארטן פרוכט, און זיי האבן געענטפערט 'אמן' איינער נאכן צווייטן הויעך און מיט כוונה.

א קורצע צייט דערויף האט זיך שוין אנגעזעהן אז די הייליגע מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן פון די אמן'ס וואס זענען ארויס געקומען פון די ריינע מיילער פון די זיסע קינדער שלא טעמו טעם חטא, איז בייגעשטאנען פארן גאנצן שטעטל, און אין די ריכטיגע צייט האבן זיי באשיצט מיט זייערע פליגלען אויף די איינוואוינער עס זאל זיי נישט געשעהן קיין שלעכט'ס.

•

די עלטערן זענען צו די באשטימטע צייט געקומען אהיים נעמען זייערע קינדער, ווען אסאך עלטערן צוזאמען מיט זייערע קינדער זענען פון דארט געגאנגען איינקויפן אין די ארטיגע גראסערי' וואס איז נעבן די קינדער-גארטן. א פערטל שעה נאכדעם, ווען די קינדער מיט זייערע עלטערן דרייען זיך צווישן די אנגעפאקטע פאליצע'ס, האבן צוויי אראבער אויסגענוצט דעם שטורעמישן וועטער וואס האט געהערטש יענעם טאג, און אויפגעשניטן דעם צוים ארום דעם שטעטל ווען זיי האבן מיט זיך אסאך פארשידענע כלי משחית. פון אויסגעשארפטע מעסער'ס ביז צו קליינע אויפרייס מאטריאל, און מיט א צארן פון רציחה האבן זיי זיך דערנענטערט צו די ריכטונג פון די קינדער-גארטן און די דערנעבענדיגן גראסערי, ווען אויפן וועג האבן זיי גע'רצח'עט א יונגע פרוי, הי"ד.

א סקונדע בעפאר זיי זענען אריין אין גראסערי' איז ארויס פון דארט א עלטערע פרוי, וואס איז געווען נישט קיין אנדערע פון די לערערן אין די דערנעבנדיגן קינדער גארטן. די ווילדע יונגען האבן איר געשטאכן מיט מעסערס, אבער אויף א וואונדערליכן וועג, ווען זי איז פארוואונדערט, איז איר געלונגען אנטלויפן פון זיי און ארייַנשפרינגען אין א אויטא וואס איז פונקט אדורך געפארן און איר דרייווער האט באמערקט וואס עס גייט פאר. זי איז אנטלאפן פון דארט נישט איידער די טעראריסטן האבן געווארפן אויף איר א פראוויזירטן אויפרייס באמבע וואס זיי האבן פארמאגט, וואס האט צובראכן די פענסטער פון דער מאשין, אבער בדרך נס האט עס נישט פאראורזאכט קיין באדייטנדע שאדנס.

פון דארט האבן די טעראריסטן זיך געאיילט צו די גראסערי' וואס איז פול געווען מיט קליענטען, צווישן זיי די קינדער פון קינדער-גארטן און זייערע עלטערן. זיי האבן אריינגעווארפן פארשידענע באמבעס, און דערנאך וואס בחסדי שמים האבן זיי זיך נישט אויפגעפלאצט, האבן זיי פרובירט אריינגיין אין גראסערי' און שטעכן די אנוועזנדע. אבער בדרך נס האט זיי דער געשעפטסמאן פאריאגט מיט א פשוט'ע וועגעלע.

אויך ווען דער סעקיורעטי-גארד פון די שטעטל איז שנעל געקומען צו הרג'ענען די טעראריסטן, האבן זיי אים פרובירט צו הרג'ענען מיט די כלי משחית וואס זיי האבן פארמאגט, אבער בעפאר עס איז זיי געלונגען אויספירן זייער פלאן זענען זיי געפאלן טויט ווען זיי וואלגערן זיך אין זייער בלוט.

"עס איז שווער זיך פארהוילן פון די השגחה וואס איז אנטפלעקט געווארן אקעגן אונזערע אויגן", ענדיגט דער שרייבער פונעם בריוו, "און האט צוגעפירט אז די 'סעודת אמנים' וואס האט אין זיך אזויפיל סגולות זאל פארקומען פונקט אין דער טאג וואס די טעראריסטן האבן געוואלט הרג'ענען ווי מער איינוואוינער פון דעם שטעטל, און דאס האט צוגעברענגט די וואונדערליכע רעטענונג פון די לערערן און די קינדער וועלכע האבן זיך באטייליגט אין דעם".

## שערי גן עדן

### אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



א אלטע בילד פון די אידישע בית החיים אין קארלין וואס איז אין בעלערוס

## דער 'משכנות יעקב'

### ו' כסלו תר"ה

רבי יעקב ברוכין איז געבוירן געווארן אין יאר תקמ"א אין שטעטל מינסק, צו זיין פאטער רבי אהרן וואס איז געווען א זון פון א תלמיד פון גר"א רבי ברוך שקלאובער. פון זיינע קינדערישע יארן איז ער באקאנט געווארן אלס א וואונדערבארער עילוי, און ווען ער איז עלטער געווארן איז ער געפארן לערנען אין די וואלאזשינער ישיבה, און איז געווען פארערכנט צווישן די גרעסטע תלמידים פונעם ראש ישיבה רבי חיים וואלאזשינער.

ר' יעקב האט אנהויב פרובירט צו האנדלען, און דערנאך וואס ער האט נישט מצליח געווען האט ער אנגענומען אויף זיך די עול הרבנות. קודם אין שטעטל 'דַאוִויד האַראַדאָק', און שפעטער אין די שיינע קארלינע קהילה, וואס אויף איר נאמען האט מען אים גערופן 'רבי יעקב קארלינער'. אין יאר תקצ"ח האט ער ארויסגעגעבן זיין ספר תשובות 'משכנות יעקב' וואס האט אויפגעציטערט די עולם התורה מיט זיין גאונות, זיין צווייטער ספר 'קהלת יעקב' איז געדרוקט געווארן צוויי יאר נאך זיין פטירה.

דאנערשטאג מיטאג ו' כסלו תר"ה איז רבי יעקב נפטר געווארן, און איז געברענגט געווארן לקבורה אין די בית הקברות אין קארלין.

## די אמן איז די הויפט חלק אין די חלק פון די ברכה

די באקאנטע ווארט וואס לערנט אונז די מעלה פון ענטפערן אמן ווערט געברענגט אין צוויי פלעצער אין גמרא; אין מסכת ברכות (נג ב) און אין מסכת נזיר (סו ב): "רבי יוסי אומר: 'גדול העונה אמן יותר מן המברך'. זאגט אים רבי נהוראי: 'השמים [א לשון פון א שבועה]! עס איז טאקע אזוי. ווייל די גולײרים [=די פשוטע סאלדאטן] הייבן אן די קריג אקעגן דעם פיינט, און די גבורים, די שטארקע סאלדאטן, וואס שטעלן זיך צו שפעטער געווינען די שלאכט". אזוי אויך דער וואס ענטפערט אמן, "משובח מן המברך" ('המפרש' על נזיר שם ד"ה שהרי).

ערקלערט דער 'משכנות יעקב' ('קהלת יעקב' ברכות מו א) אז פון דעם וואס די חכמים (ברכות נג ב) גלייכן צו דער וואס זאגט א ברכה צו א איינפאכער סאלדאט, און דער וואס ענטפערט אמן צו א גבור וואס באזיגט דעם פיינט, קען מען ארויסלערנען צוויי וויכטיגע פונקטן אין די גדר פון ענטפערן אמן:

**א.** אזוי ווי דער גולייר און דער גיבור אין די משל וואס ווערט געברענגט אין גמרא פירן צוזאמען די מלחמה, אזוי אויך ביי די נמשל - סיי דער מברך און סיי דער וואס ענטפערט אמן טוהן צוזאמען איין זאך, און פון דא לערנט מען זיך אז די אמן איז א חלק פון די ברכה.

**ב.** אזוי ווי דער נצחון פון די קאמף איז אנגעהאנגען אין די גיבורים, וואס די חכמים האבן צוגעשטעלט צו די גיבורים, אזוי "דער עיקר עקזיסטענץ פון די ברכה איז דורך ענטפערן אמן".